# שיחות ודברות קודש לפרשת בא משנת תשע"ג לפ"ק

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר שמואל דוב ווייל הי"ו

יום ה' פרשת בא תשע"ג לפ"ק

**מען** וואונטשט אן, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי דאס קינד איז ארייגעפירט געווארן צום ברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל ער ווערן ארייגעפירט אויך צו תורה און חופה און מעשים טובים. מען געפונט נישט ביי א אנדערע מצוה אז מען זאל אנוואונטשען אזא סארט ברכה פאר דעם וואס איז מקיים איין מצוה, אז ער זאל קענען מקיים זיין אנדערע מצות. - די מצוה פון ברית מילה האט דער אייבערשטער מצווה געווען פאר די עלטערן, מען האט נישט ארויפגעלייגט די מצוה אויפן קינד, נאר דער טאטע איז מחוייב צו מל'ן דאס קינד. און עס דארף האבן א ביאור, פארוואס האט מען איבערגעגעבן אזא חשוב'ע מצוה פארן טאטן, און נישט פארן קינד אליין.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים, דו זאלסט פארציילן אין די אויערן פון דיינע קינדער און די אייניקלעך, וואס איך האב געשפעט פון די מצרים, וידעתם כי אני ה' (שמות י-ב). עס איז דא א הייליג ווארט פונעם מיטעלן **בעלזער רב זי"ע**, אז מען זעהט ביי משה רבינו א דבר פלא. גאנץ כלל ישראל איז געווען אין מצרים, און צוגעזעהן די אלע נסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט געטון, ארויסצונעמען יודען פון מצרים. און שפעטער ביי קריעת ים סוף, שטייט אין מדרש (מכילתא בשלח יד) וואס פאר א גרויסע גילוי עס איז געווען פארן גאנצן כלל ישראל, ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל. אויסער כלל ישראל זענען אויך געווען די קינדער פון משה רבינו, וואס זיי האבן נישט מיטגעהאלטן די אלע נסים פון יציאת מצרים. משה רבינו איז געווען אין מדין, און דער אייבערשטער האט אים צוריק געשיקט קיין מצרים, אז ער זאל אויסלייזן די יודען, אבער זיין ווייב מיט די קינדער זענען ערשט אנגעקומען נאך מתן תורה. אין פרשת יתרו זאגט די תורה הק' (שמות יח-ה), אז זיי זענען געקומען צוזאמען מיט יתרו, און זיי זענען נישט געווען אין מצרים בשעת מען האט געזעהן די אלע נסים ונפלאות. וואס איז די סיבה אז דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז יעדער זאל צוקוקען וואס עס טוט זיך אין מצרים, און די קינדער פון משה רבינו האבן עס נישט געזעהן.

**האט** דער הייליגער **בעלזער רב זי"ע** געזאגט, דער אייבערשטער האט אונז מצווה געווען מיט די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, אז אין אלע דורות זאל מען דערציילען וואס מען האט געזעהן אין מצרים, ווייל פון דארט נעמט זיך דער שורש פון אמונה פונעם כלל ישראל. פאר דעם ערשטען דור וואס איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, איז געווען זייער שווער צו פארציילען פאר די קינדער די ערשטע נאכט פסח וואס עס איז געווען אין מצרים, ווייל יעדער האט דאך עס אליין מיטגעלעבט. פונקט ווי דער טאטע האט עס געזעהן, האבן עס די קינדער אויך געזעהן. איין יוד איז אבער געווען, וואס האט געקענט פארציילען פאר די קינדער סיפור יציאת מצרים בשלימות, דאס איז געווען משה רבינו. ווייל זיינע קינדער האבן נישט מיטגעהאלטן וואס עס איז געווען אין מצרים, און משה רבינו האט פאר זיי דערציילט סיפור יציאת מצרים, און זיי האבן מקבל געווען מיט דארשט יעדעס ווארט וואס זיי האבן געהערט, וואס עס האט אלץ פאסירט אין מצרים.

**דער** אייבערשטער האט אזוי געטון, ווייל דער באשעפער האט געוואלט, אז דער חותם אויף סיפור יציאת מצרים, דער ערשטער וואס פארציילט יציאת מצרים בשלימות, זאל זיין משה רבינו. ווייל ווען משה רבינו וועט מקיים זיין די מצוה בשלימות, וועט עס האבן א השפעה אויף שפעטער. און אלע יודען אין אלע

דורות וואס וועלן פארציילען יציאת מצרים, וועלן נאכגיין דעם וועג ווי אזוי משה רבינו האט פארציילט, און עס וועט מאכן א רושם אויף די קינדער. למען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים, דו וועסט קענען פארציילן באזני בנך ובן בנך וואס איך האב געטון אין מצרים, ווייל זיי האבן עס נישט מיטגעהאלטן, פאר זיי וועסטו קענען פארציילען. וידעתם כי אני ה', וועט גאנץ כלל ישראל וויסן כי אני ה'. - און דאס איז די עבודה פון עלטערן, למען תספר באזני בנך ובן בנך, איבערגעבן פאר די דורות ווייטער די מסורה וואס מען האט מקבל געווען פון די אבות. ווען מען זעהט אויף וואס פאר א וועג מען פארציילט עס, ווי אזוי מען גיט עס איבער, דאס איז דער רושם וואס עס מאכט אויף די דורות שפעטער.

**דאס** זעלבע איז די מצוה פון ברית מילה. די ערשטע מצוה פון ברית מילה איז נישט מקיים דאס קינד אליין, נאר דער טאטע איז מקיים די מצוה פארן קינד. און דאס קינד גייט אריין אין די מצוה אן קיין שום פניות, און אן קיין שום מחשבות, ער טוט וואס דער אייבערשטער האט געהייסען. ווייל אזוי ווי ברית מילה איז די ערשטע מצוה וואס מען איז מקיים פארן קינד, דאס איז דער כניסת הברית וואס דער אייבערשטער איז כורת א ברית מיטן קינד, עס איז א מצוה וואס אין דעם איז תלוי די גאנצע תורה שפעטער, האט דער אייבערשטער געוואלט אז די מצוה זאל זיין מיט די העכסטע מאס פון שלימות, עס זאל קומען מיט א המשך פון אברהם און יצחק וואס זיי האבן עס מקיים געווען בשלימות. די מצוה ווערט אייביג נמשך פון א טאטע צו א קינד, דער טאטע מל'ט דאס קינד, און דעם טאטען האט גע'מל'ט זיין טאטע, און זיין פאטער האט גע'מל'ט זיין קינד, און אזוי ווייטער גייט עס צוריק ביז אברהם יצחק און יעקב, כדי עס זאל זיין א המשך פון די מצוה וואס אברהם אבינו האט מקיים געווען, און דאס וועט געבן דעם כח לעתיד, אז מען זאל קענען שפעטער מקיים זיין אלע מצות בשלימות.

**וועגן** דעם וואונטשט מען אן, כשם 'שנכנס' לברית, אזוי ווי דאס קינד האט נישט אליין מקיים געווען די מצוה, נאר ער איז נכנס, ער איז אריינגעפירט געווארן לברית, האט מען דאך מקיים געווען די מצוה מיטן ריכטיגען שלימות, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אויפן זעלבן וועג זאל ער שפעטער אויך קענען אריינגיין אין זיינע אנדערע מצות.

**די** ערשטע מצוה איז מען מקיים נאר אדעתא פונעם טאטן, דער טאטע האט אים מכניס געווען לבריתו של אברהם אבינו. דאס קינד האט געטון וואס דער טאטע האט געוואלט, ער האט זיך געלאזט מכניס זיין לברית. שפעטער ווען מען וואקסט אויף, און עס קומט צו תורה און צו חופה האט מען שוין אייגענע רצונות אויך. ער וויל יא דעם שידוך וואס דער טאטע וויל, צו ער וויל א אנדערן שידוך. ער וויל יא לערנען תורה אזוי ווי דער טאטע וויל, צו נישט. זאגט מען, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ווען מען איז אריינגעגאנגען לברית, דו האסט נישט געהאט קיין אייגענע געפילן, קיין אייגענע רצונות, נאר דו האסט געטון וואס דער טאטע האט געוואלט. כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל מען זוכה זיין אז שפעטער ווען דאס קינד ווערט נתגדל, זאל עס אויך זיין אויף דעם זעלבן וועג, צו גיין על דרך ישראל סבא. אז עס איז גוט געווען פארן טאטען און פארן זיידען און פארן עלטער זיידן, דארף עס אויך גוט זיין פארן אייניקל.

## בסעודת מלוה מלכה להחזקת בית מדרשנו זכרון יהודה בבארא פארק

מוצאי שב"ק פרשת בא תשע"ג לפ"ק

**עס** איז מיר א כבוד צו באגריסען אלע יונגעלייט פונעם בית המדרש, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען לטובת די החזקה פונעם בית המדרש. עס שטייט אין די גמרא (ביצה טז.), הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו, ווען א מענטש באקומט א גוטע זאך, דארף מען אים מודיע זיין,

אז ער זאל וויסן וואס ער האט באקומען. אסאך מאל איז דא וואס מען ווייסט אליין נישט די חשיבות, און די מתנה טובה וואס מען האט פון דעם בית המדרש. עס איז נישט נאך א בית המדרש וואו מען קען דאווענען, ב"ה עס פעלן נישט קיין בתי מדרשים אין די שטאט, מען קען טרעפן איבעראל א מנין וואו צו דאווענען. א בית המדרש מיינט אסאך און אסאך טיפער וואו דער מקום וואו ער דאווענט זיינע תפלות, און אפילו מער וואו א פלאץ ווי ער קומט לערנען, דאס קען מען טרעפן ערגעץ אנדערש אויך. א בית המדרש דארף זיין א פלאץ וואס זאל אויפהייבן א יונגערמאן, ער זאל ארויסגיין פונעם בית המדרש אנדערש פון וואס ער איז אריינגעקומען. דער שבת דארף אים ארויפברענגען אויף אזא מדריגה, אז ער זאל זיין אנדערש מוצאי שבת, ווי ווען ער איז אריינגעקומען אינעם שבת. און דער עצם אהבת חברים און דיבוק חברים וואס דארף צו זיין, זיך משתתף זיין אין יענעם'ס שמחה, און ארויסצוהעלפן איינער דעם אנדערן אין א עת צרה. און דער עצם הדבר אליין, אז מען האט מיט וועם אדורכצורעדן א גוט ווארט, הערן א גוט ווארט, א חיזוק וואס מען דארף אמאל האבן, מען דארף זיך אמאל אויסרעדן צו איינעם, דאס איז די מעלה פון דעם בית המדרש. די אלע וואס זיצען דא צוזאמען, א חברותא אחת, וואס יעדער וואס קומט אריין אין דעם מקום, שפירט אז ער גייט ארויס אנדערש פון וואס ער איז אריינגעקומען אויף דעם פלאץ. אין היינטיגע צייטן ווען די נסיונות זענען אזוי שווער, ווען די גאס איז אזוי שווער, איז א געוואלדיגער חיזוק אז מען טרעפט א מקום וואו מען קען זיך מתקשר זיין, אז דאס זאל זיין, זיין צווייטע שטוב, און בעסער געזאגט, זיין ערשטע שטוב. אז ווען ער דארף נישט זיין ביי די ארבעט, און ווען ער דארף נישט זיין אינדערהיים, זאל ער האבן א ערליך ווינקל וואו ער זאל זיך קענען צוזאמקומען.

**און** ב"ה דער אייבערשטער האט ענק מזמין געווען אזא רועה נאמן ווי רבי בנימין זאל זיין געזונט, וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות, און ער העלפט ארויס יעדן איינעם. איז נאר דא אזויפיל צו וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל ווייטער אזוי מצליח זיין. - מען קומט זיך צוזאם מחזיק צו זיין דעם בית המדרש. א בית המדרש איז פארבינדן מיט אסאך הוצאות אז עס זאל זיך קענען אויפהאלטן. און יעדער וואס איז זיך משתתף דערין, האט א חלק אין די תורה און עבודה און גמילות חסדים וואס קומט ארויס פון דעם מקום. דער בית המדרש איז דער פראכט פון אונזער קהלה, און דער באשעפער זאל העלפן, אז עס זאל ווייטער נמשך ווערן.

**מען** לערנט יעצט (בחבורות 'ובהם נהגה') מסכת יומא, די גמרא (יומא לט:) ברענגט צו, אז ווען שלמה המלך האט געבויט דעם בית המקדש, האט ער נוטע געווען כל מיני מגדים אינעם בית המקדש, ער האט אנגעבויט ביימער וואס זאל ארויסגעבן אלע ערליי פירות. אבער נישט אזעלכע געווענליכע ביימער וואס מען טוט איינפלאנצן, א עפל בוים מיט א אראנדזש בוים, נאר ער האט גענומען גאלד, און ער האט עס געמאכט די פארעם פון א בוים, און ער האט עס איינגעפלאנצט אין דער ערד, און יעדע יאר איז ארויסגעקומען פון דעם בוים פירות. בשעת עס איז געווען דער סעזאן פון עפל, האט דער עפל בוים ארויסגעגעבן גאלדענע עפל, אזוי ווי עס איז געווען פון א פשוטע בוים. און אזוי אויך פון די אנדערע פירות ביימער, איז ארויסגעקומען א פרי פון גאלד, וואס איז געווען אויסגעפארעמט אזוי ווי יענע פרי. און בשעת עס איז געקומען א ווינט און עס האט געבלאזן, פלעגן אראפצופאלן די פירות. די גמרא דרש'נט דעם פסוק (תהלים עב-טז), ירעש כלבנון פריו, אז לבנון גייט ארויף אויפן בית המקדש, און דער פריו, די פירות וואס זענען געוואקסען דארט, ירעש, האט געמאכט א רעש, ווען עס איז געקומען א ווינט, און עס האט אראפגעבלאזן די פירות. און מען פלעגט עס צו פארקויפן פאר גרויס געלט, א גאלדענע עפל, מיט גאלדענע ארענדזשעס, און אנדערע פירות וואס איז געווען, אזוי ווייט, אז די כהנים האבן געהאט פרנסה פון די פירות פון דעם בוים.

**און** עס איז הפלא ופלא צו פארשטיין די גמרא. שלמה המלך איז געגאנגען איינפלאצן גאלדענע

ביימער, און די ביימער זאלן ארויסגעבן גאלדענע פירות, האט מען שוין אזאנס געהערט אז מען קען נעמען גאלד און איינפלאנצן, און עס זאל ארויסקומען דערפון פירות? און עס וואקסט נישט שטענדיג, נאר אין די סעזאן ווען דער עפל איז געוואקסן, זענען די פירות אויך געוואקסן. עס איז א גוואלדיגע פלא. לא עביד קוב"ה ניסא למגנא, דער אייבערשטער מאכט נישט קיין נסים אומזיסט, פארוואס זאל שלמה המלך גיין איינפלאנצען ביימער בדרך נס, אז עס זאל ארויסגעבן גאלדענע פירות. וואס האט ער געוואלט מיט דעם אויפטון. אויב ער האט געוואלט אז עס זאל וואקסען גאלד, וואלט דער אייבערשטער געקענט מאכן, אז גאלד זאל וואקסען אזוי אויך, עס מוז נישט זיין קיין בוים דערפאר, אז עס זאל וואקסען א גאלדענע פרי, און מען זאל עס קענען פארקויפען.

**דער אור שמח** (להוספות להל' מעילה, נודפס בסוף ספר זמנים) פרעגט, וואס איז טייטש, אז די כהנים האבן געהאט פרנסה דערפון? ווי אזוי האבן זיי געמעגט פארקויפען די פירות? עס געהערט נישט פאר די כהנים, עס איז דאך הקדש, זיי קענען נישט נעמען די פירות פון הקדש. אז עס איז געוואקסען געהערט עס פאר הקדש, נישט פאר די כהנים.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז מוסר, וואס שלמה המלך האט אונז געוואלט לערנען. מען ווייסט אז עס איז דא יששכר און זבולון, די עבודה פון יששכר איז צו זיצן אין בית המדרש און לערנען תורה, און דינען דעם אייבערשטען. און דאס איז געווען שבט לוי, די כהנים און די לויים וואס בזמן שבית המקדש היה קיים האבן זיי געטון די עבודה אין בית המקדש, כהנים בעבודתם ולויים בדוכנם, זיי האבן געטון זייער עבודה אין רוחניות. זיי האבן נישט געהאט קיין חלק און קיין נחלה בארץ, זיי האבן נישט באקומען קיין שום חלק אין ארץ ישראל, ה' הוא נחלתו (דברים יח-ב) דער אייבערשטער איז געווען זייער נחלה. ומהיכן ירק זה חי, פון וואו לעבן זיי, האט דער אייבערשטער זיי צוגעשטעלט די מתנות כהונה, מען זאל זיי אויסהאלטן, אז א יעדער יוד זאל האבן א חלק אין די עבודה פון די כהנים, און פון די מתנות כהונה האבן די כהנים געלעבט.

**וועט** מען דאך מיינען אז עס פעלט עפעס פון די עבודה פון די פשוטע יודען, וואס זיי האבן באקומען א חלק אין ארץ ישראל, וואס ביי זיי איז די עבודה געווען איינצופלאנצן, און אקערן וכדומה, און זיי קענען נישט אוועקגעבן זייער צייט פאר עבודת ה', אז עס פעלט זיי א חלק פון זייער עבודה. די כהנים און די לויים זענען געבענטשט, זיי זיצען אין בית המקדש און זיי טוען די עבודה, און דער המון עם האט נישט קיין שייכות דערין.

**אבער** מען ווייסט אז עס איז נישט אזוי. אלע מדרשים זענען פול, אז יששכר דער אייבערשטער האט נאך מקדים געווען דעם זבולון פארן יששכר, שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך (דברים לג-יח), ווען א יוד העלפט ארויס אז א צווייטער זאל קענען לערנען. אז א יוד העלפט ארויס א מקום תורה, אז עס זאל בליען פון תורה, האט ער א חלק אין די גאנצע עבודת ה' וואס קומט ארויס פון דעם וואס ער איז מחזיק, חלק כחלק יאכלו (דברים יח-ח), דער יששכר מיטן זבולון צוטיילען זיך חלק כחלק. בצל החכמה בצל הכסף (קהלת ז-יב), לעתיד אין גן עדן וועלן זיי אויך זיצען צוזאמען. ווייל דעם וועם מען האט ארויסגעהאלפן לערנען, וואלט נישט געקענט דינען דעם אייבערשטען אנדעם וואס ער האט נישט ווער עס זאל אים מחזיק זיין. און אז מען איז מחזיק תורה, האט דער זבולון אויך א חלק אין די עבודה פון יששכר.

**די** תורה ווערט אנגערופן עץ חיים (משלי ג-יח), די תורה איז ווי א בוים פון לעבן, עס גיט ארויס פירות. און די וואס זענען עוסק בתורה, איז זייער עבודה אין א עץ חיים. אבער ווי קומט דאס צו איינעם וואס זיין עבודה איז אין עניני עולם הזה, ער איז עוסק אין גאלד, אז ער זאל קענען ארויסגעבן פירות, און נאך דערצו פירות פון קודש. האט שלמה המלך גענומען גאלדענע ביימער, און ער האט עס אריינגעלייגט אין בית

המקדש, און דער גאלדענער בוים אין בית המקדש האט ארויסגעגעבן אזעלכע פירות, ווי א אנדערע בוים גיט ארויס. שלמה המלך האט געוואלט מיט דעם לערנען יודען, אז מען זאל וויסן, אז מען קען האבן א חלק אין די עבודה פון די כהנים און די לויים מיט גאלד.

**די** גאלד איז נישט געוואקסען פון זיך אליין, יודען האבן מנדב געווען דאס גאלד. און די גאלדענע ביימער וואס זענען איינגעפלאנצט אין א בית ה', די געבן ארויס פירות. דאס האט געגעבן א חיזוק פאר יעדן יוד וואס איז אריינגעקומען אין בית המקדש, און ער האט געזעהן ווי אזוי די גאלדענע ביימער געבן ארויס גאלדענע פירות, אז אפילו דער וואס איז עוסק אין עניני עולם הזה, ער איז פארנומען מיט אלפי זהב וכסף, פון דעסטוועגן דאך קען ער אויך ארויסגעבן פירות. אז זיי זאלן וויסן, אז מיט דעם וואס זיי טוען מחזיק זיין די כהנים און די לויים צו טון זייער עבודה, מיט דעם האבן זיי אויך א חלק אין די עבודה פון די כהנים און די לויים.

**און** עס קען זיין אז דער פשט איז. נישט אז די כהנים האבן געהאט פרנסה פון דעם, זיי האבן גענומען די פירות וואס איז אראפגעפאלן פון דעם בוים, און זיי האבן דאס פארקויפט, און דאס איז געווען זייער געלט. נאר די עצם געדאנק וואס מען האט געזעהן, אז עס איז דא ביימער פון גאלד, וואס געבן ארויס פירות אין בית המקדש, און פארוואס מאכט דער אייבערשטער אזעלכע נסים, ווייל דער באשעפער וויל ווייזען, אז ווען מען איז מחזיק תורה, האט מען א חלק אין די תורה, און מען דארף מחזיק זיין די כהנים מיט די לויים, דאס האט געברענגט פרנסה פאר די כהנים און די לויים, אז מען האט זיי מחזיק געווען דורך דעם וואס מען האט זיך אראפגעלערנט פון דעם בוים.

**און** דאס איז די עבודה פון יעדן יוד, אויסער דעם וואס ווען מען האט צייט, דארף מען אליין זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, אבער עס איז דא א חלק עבודה, זיך משתתף זיין מיט א צווייטען יוד, ארויסהעלפן אז יענער זאל אויך קענען זיצען און לערנען. מחזיק זיין א בית המדרש, אז דער בית המדרש זאל קענען שטיין צו וואס עס דארף צו זיין. און דורך דעם געלט וואס מען גיט, האט מען א חלק אין די עבודת ה' וואס קומט ארויס פון דעם מקום במשך פון דעם יאר.

*

**און** שלמה המלך האט אונז אויך געוואלט לערנען, וואס דאס איז טייטש די קדושה פון א בית המקדש. א צומח קען ארויסגעבן פירות, א בוים איז געמאכט געווארן, אז עס זאל ארויסגעבן פירות. דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין א בוים א כח צמיחה. אבער א דומם, א קלאץ, זילבער און גאלד, איז נישט שייך אז עס זאל קענען וואקסען און ארויסגעבן פירות. אבער ווען מען קומט אריין אין א בית המקדש, קען א דומם אויך ווערן א צומח. די קדושה פונעם בית המקדש, איז משפיע אויף יעדן יוד וואס קומט אריין, אז אפילו מען איז א דומם, קען מען שטייגען און ווערן א צומח. דאס איז געווען דער לימוד וואס שלמה המלך האט אונז געלערנט, מיט דעם וואס ער האט איינגעפלאנצט אלע סארט פירות אין בית המקדש. ירעש כלבנון פריו, די פירות וואס זענען געוואקסען דארט, האבן געמאכט א רעש, און עס האט געלערנט יודען די חשיבות פון מחזיק זיין תורה. אז מען זאל וויסן, אז מיט גאלד קען מען ארויסגעבן פירות. פונקט ווי א עץ חיים גיט ארויס פירות, קען גאלד אויך ארויסגעבן פירות. און אז מען קומט אין א בית המקדש אריין, קען אפילו א דומם אויך ווערן א צומח, ער קען נתהפך ווערן פון זיין הנהגה, און ווערן א אנדערער סארט מענטש.

**יודען** קומען זיך צוזאם מחזיק צו זיין אזא חשוב'ען מקום תורה, דאס אליין אז עס קומט זיך צוזאם א חברותא האט א געוואלדיגע חשיבות. איך האב געזען שטיין די וואך פון **רבי יחזקאל קאזמירער זי"ע**, אויפן פסוק ולקחתם אגודת אזוב וגו', והגעתם אל המשקוף (שמות יב-כב), האט ער געזאגט, דער אייבערשטער ווערט אנגערופן

משקוף, ווייל דער אייבערשטער איז אויבן אין הימל, און ער קוקט אראפ אויף אונז, אלקים משמים השקיף על בני אדם (תהלים נג-ג), השקיפה ממעון קדשך (דברים כו-טו). והגעתם אל המשקוף, ווי אזוי קען א יוד צוקומען צום משקוף, ולקחתם אגודת אזוב, ווען יודען זענען באגודה אחת, מען טוט זיך צוזאמנעמען אינאיינעם, אפילו מען איז אזוי ווי א אזוב וואס איז נידריג, ישפיל עצמו כאזוב (רש"י ויקרא יד-ד), אבער ווען יודען טוען זיך צוזאמנעמען מיט א חבורה אינאיינעם, והגעתם אל המשקוף, קען ער צוקומען צום משקוף, ער קען ווערן נאנט צום אייבערשטען.

**מען** דארף וויסען דעם חשיבות פון מחזיק זיין דעם בית המדרש. מען גיט נישט קיין געלט אומזיסט, מען גיט געלט פאר זיך אליין, און פאר זיין ווייב און קינדער, אז זיי זאלן האבן ערליכע יודישע שטובער, וואס אלעס איז תלוי אין דעם בית המדרש ווי מען דאווענט. און מיט דעם וואס מען איז מחזיק דעם בית המדרש אז מען זאל עס קענען אויפהאלטן, האט מען א חלק אין די תורה און עבודה וואס קומט ארויס פון דעם מקום.

**זאל** דער באשעפער געבן, אז עס זאל ווייטער ארויסקומען א כבוד שמים פון דעם בית המדרש. מען זאל קענען זיצען און לערנען, און דינען דעם אייבערשטען מתוך נחת און הרחבת הדעת. עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר (משלי ג-יח), די אלע וואס זענען מחזיק תורה, טוט זיי דער אייבערשטער באצאלן, חלק כחלק יאכלו. די געלד וואס מען האט אריינגעלייגט אין בית המקדש, וואקסט פירות. און אפילו מען זעהט נישט די פירות תיכף, פון דעסטוועגן דאך וואס א יוד גיט אוועק פאר א דבר שבקדושה, באצאלט עס דער אייבערשטער צוריק, און ער איז משפיע שפע ברכה און הצלחה. די קומענדיגע וואך איז די פרשה פון מן, די שפע פון פרנסה פאר יודען, זאל נשפע ווערן פארן גאנצן כלל ישראל, בני חיי ומזוני רויחי. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.